NYC Health











# PrEP

## פארמיידט HIV



# PrEP = קראנקהייט פארמיידונג בעפארן ווערן אויסגעשטעלט (pre-exposure prophylaxis)

PrEP איז א זיכערע און ווירקזאמע מעדיצין וואס פארמיידט HIV. PrEP קען באשיצן סיי וועלכער מענטש וואס קען מעגליך אויסגעשטעלט ווערן צו HIV.

## עס זענען דא דריי וועגן צו נעמען PrEP:







| א טעגליכע פיל | איינשפריץ | ווען נויטיג |
|---|---|---|
| נעמט איין PrEP פיל יעדן טאג. | באקומט א PrEP איינשפריץ יעדע צוויי חודשים. | פאר מענער וואס האבן געשלעכטליכע באציאונגען מיט מענער: נעמט PrEP פילן נאר בעפאר און נאך געשלעכטליכע באציאונגען. |

גרעסערע קינדער קענען נעמען PrEP אן די ערלויבעניש פון עלטערן אדער פון א לעגאלער אפוטרופוס.

## טעגליכע PrEP

נעמט איין פּיל איינמאל א טעג, אפילו אויף טעג ווען
איר האט נישט קיינע געשלעכטליכע באציאונגען.

זעהט אייער דאקטאר יעדע דריי חודשים צו באקומען נאך פון די
פארשריבענע מעדיצין און צו ווערן געטעסט פאר HIV און אנדערע
אינפעקציעס וואס גייען אריבער דורך געשלעכטליכע באציאונגען
(sexually transmitted infection, STI). טייל דאקטוירים אפפערן
רעגלמעסיגע אפּוינטמענטס דורכן טעלעפאן אדער מיט ווידעאו רופן.

נעמט טעגליכע PrEP נוצנדיג Truvada (אדער די גענערישע מעדיצין
פון אנדערע פירמעס) אדער נוצנדיג Descovy.







## PrEP איינשפריץ

זעהט אייער דאקטאר יעדע צוויי חודשים צו באקומען אן איינשפריץ פון די PrEP מעדיצין Apretude און צו געטעסט ווערן פאר HIV און STI'ס.

עס איז זייער וויכטיג נישט צו פארפאסן קיינע געסקעדזשולטע איינשפריצן. רעדט צו אייער דאקטאר בעפארן אויפהערן באקומען PrEP איינשפריצן.

## PrEP ווען נויטיג

נעמען PrEP ווען נויטיג איז נאר פאר מענער וואס האבן געשלעכטליכע באציאונגען מיט מענער. צו נוצן PrEP ווען נויטיג, נעמט PrEP פילן נאר בעפארן און נאכן האבן געשלעכטליכע באציאונגען:

- 2 פילן פון 2 ביז 24 שעה בעפאר איר האט געשלעכטליכע באציאונגען (די ערשטע דאזע)
- 1 פיל 24 שעה נאך די ערשטע דאזע
- 1 פיל 48 שעה נאך די ערשטע דאזע

אויב איר גייט ווייטער אן מיטן האבן געשלעכטליכע באציאונגען, דאן זעצט פאר צו נעמען איין פיל יעדע 24 שעה ביז איר האט גענומען צוויי פילן נאכן האבן געשלעכטליכע באציאונגען די לעצטע מאל.

**נעמען PrEP ווען נויטיג פארמיידט HIV דורכאויס געשלעכטליכע באציאונגען פון הונטן, אבער עס זאל נישט גענוצט ווערן דורך מענטשן וואס האבן געשלעכטליכע באציאונגען מיט זייער וואגינע.**

**נוצט Truvada אדער די גענערישע מעדיצין פון אן אנדערע פירמע ביים נעמען PrEP נאר ווען נויטיג.**



## הויבט אן PrEP

צו טרעפן אן ערפארענער דאקטאר:

- באזוכט די NYC Health Map (NYC געזונטהייט מאפע) אויף **nyc.gov/health/map**.
- טרעפט אן NYC סעקסועלע געזונטהייט קליניק (NYC Sexual Health Clinic) לאקאציע **nyc.gov/health/sexualhealthclinics**.
- רופט **311** פאר הילף.

Medicaid און רוב העלט אינשורענס פלענער דארפן דעקן PrEP אן סיי וועלכע קאָופּעיס. פרעגט אייער דאקטאר אדער פארמאסיסט איבער פראגראמען וואס העלפן באצאלן פאר PrEP.



## בלייבט זיכער מיט PrEP

- נעמט PrEP ווי פארשריבן כדי צו זיכער מאכן אז איר האט גענוג מעדיצין אין אייער קערפער צו פארמיידן HIV.



- PrEP פארמיידט נאר HIV. צו פארמיידן אנדערע STI'ס, ווערט רעגלמעסיג געטעסט פאר STI'ס און נוצט א קאנדאם. רעדט צו אייער דאקטאר איבער doxy PEP (קראנקהייט פארמיידונג נאכן ווערן אויסגעשטעלט דורך דאַקסיסייקלין), א פּיל וואס מען נעמט נאכן האבן געשלעכטליכע באציאונגען צו העלפן פארמיידן STI'ס.

**זיך צו פארמיידן פון ווערן טראגעדיג, נוצט א קאנדאם אדער אן אנדערע פארעם פון געבורט קאנטראל. איר קענט נוצן PrEP אויב איר זענט טראגעדיג אדער אויב איר נעמט סיי וועלכע פארעם פון געבורט קאנטראל אדער הארמאן טעראפיע.**

## זיך האלטן אויף PrEP

זאגט פאר אייער דאקטאר אויב סיי וועלכע זאך מאכט דאס שווער פאר אייך צו נעמען PrEP ווי פארשריבן אדער זיך צו האלטן צו אייערע אפּוינטמענטס. אויב איר הערט אויף נעמען PrEP, דאן נוצט א קאנדאם אדער אן אנדערע מעטאד צו פארמיידן HIV.





# PrEP

## פארמיידט HIV

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health**
און זוכט פאר **PrEP** אדער סקענט די QR קאוד.

NYC Health